STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02682

YISROEL-GEZANGEN

Aaron Gutman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַהרן גוטמאַן

ישראל־געזאַנגען

(לידער)

☆

בועּנאָס איירעס

1944

צו דיין געניוס, קאָרדאָבאַ!!!

אַיך בין דיין ערשטער אַידיש דיכטער,
איך בין דיין ערשטער אידיש זינגער...
איך זינג דיין ליד אין אידיש שפּראַך,
— תמיד, שטענדיג, — טאָג און נאַכט...

פון דיין בראשית, — זיין און ווערען,
פון פאַרצייטען, — גאָר אַמאָל,
ביזן טאָג פון אונזער לעבען,
— ביזן טאָג פון אונזער דור...

האָט אַ מענש אין אידיש שפּראַך,
— קיינמאָל! קיינמאַל!
ניט באַזונגען:
דיינע גלאָריעס און דיין פּראַכט...

איך קום צו דיר מיט פּיינליך - שרייען,
איך בין אַ זוהן פון פאָלק וואָס שמאַכט...

איך קום צו דיר מיט לאַרעם-רופען,
איך בין אַ צווייג פון שטאַם וואָס צאַנקט...

איך קום צו דיר מיט נצח-פאָהן,
איך בין אַ קינד פון גאָטס נאַציאָן...
איך בין דיין ערשטער אידיש דיכטער,
איך בין דיין ערשטער אידיש זינגער...

ווער?...

ווער צעשטורעמט האָט מיין ליד?
ווער צעפלאַמט האָט מיין געמיט?
ווער צעברויזט מיין דיכטער־האַרץ,
מיין אידיש בלוט — ישראל־שמאַרץ?

האָב איך דערהערט אַ שטים פון קברים,
— פון פוילענס געטאָס, — אַ געשריי?
האָב איך דערשפירט דעם קראַמף פון דורות,
— צוויי יאָהרטויזענט: האָפנונג, גלויבען, משיח־וועה?

ווער צעשטורעמט האָט מיין ליד?
ווער צעפלאַמט האָט מיין געמיט?

פויגעל...

פויגעל! פויגעל!
וואונדער- פויגעל!!!
געטליך חכמה,
— דורות-וויסען...
שטאָל, אייזען, אַלומיניום...
זשום... זשום... זשום...
זשום... זשום... זשום...
פליה און פלאַטער!
פליה און פלאַטער!

לופט-וועגען,
עטער-כוואַליעס,
טומאַנען, וואָלקענס,
סטראַטאָספערע...
קרייץ מיט חכמה!
קרייץ מיט תפלה!

מזל גוטער,
גליקליך שיקזאַל:
דיר באַגלייטען...
דיר באַגלייטען...
קרייץ מיט חכמה,
קרייץ מיט גבורה:
ימים, לענדער, אָקעאַנען...

און פאַרגעס ניט:
מיינע נאָנטע — בריף צו טראָגען,
בריף צו ברענגען...
טראָג זיי,
ברענג זיי:
בריף פאַרחתמת,
פּאָסטאַל - קאַרטען,
שורה - גרוסען...

טראָג זיי,
ברענג זיי:
טעלעגראַמעס,
אָנזאָג, בשורה...
ציון - ווערטער:
שלום! שלום!

טראָג זיי,
ברענג זיי:

האַרצענס-פלאַמען,
דיכטער-ליריק,
בענקשאַפט... בענקשאַפט...
צו מיין טאַטען,
צו מיין מאַמען,
צו מיין שוועסטער,
צו מיין ברודער...

טראָג זיי,
ברענג זיי:
איבער ימים,
איבער לענדער,
איבער טייכען,
בערג, טאָלען...
מיינען אוצרות,
— פייער-גלוטען,
נשמה-ציטער,
דיכטער-פלאַטער...

צו פאַרפייניגטע אין געטאָ...
צו פאַרשקלאַפטע... צו פאַרשמאַכטע...
צו אין אומגליק: זיפצען, קרעכצען...
צו אין פיינען, שמערצען, וועהען:
תפלה זאָגען... תפלה... תפלה...
לעצטע תפלה: „שמע ישראל״!!!

טראָג זיי,
ברענג זיי:
שטיקער גאַנצע פון מיין האַרצען...
פון מיין זעעלע: הייליג פונקען...
פון מיין מקדש — חרוב טעמפּעל:
ניט אַ שליסעל — שטאָל און אייזען...
ניט אַ זשמעניע גלעד-בשמים...
ניט אַ קרוג מיט שמן-זית...

טראָג זיי,
ברענג זיי:
גלויבען מיינעם, אין משיח...
אבות-גלויבען — דורות-גלויבען...
אבות-ברכה — דורות-תפלה...

טראָג זיי,
ברענג זיי:
פויגעל! פויגעל!
וואונדער-פויגעל!!!

מיינע לידער...

מיינע לידער — האַרץ-געזאַנגען...
מיינע לידער — אידיש-קלאַנגען...
מיינע לידער — דורות-וועהען,
— יאָמער, פּיינען...

וואָס קען זינגען: זוהן-ישראל?
וואָס קען זינגען: קינד פון יעקב?
דאָס געזאַנג פון געטאָ-מויער?
דאָס געזאַנג פון קנעכט און שקלאַפען?

אויך ניט!
אויך ניט!

שונא האָט פאַרברענט די געטאָס...
שונא האָט צעשמעטערט מויער...

קנעכט און שקלאַפען — ווילד פאַרניכטעט...
מיט צאָרן-חיהש — לאַנג פאַרלענד...

מיינע לידער — בלוט פון קדושים...
מיינע לידער — וועה-געשרייען...
אין דורות-פייער אויסגעגלייטערט...
אין טעסט פון פיינען אויסגעפורעמט...

אויסגעקריצט אויף האַרצענס-טאָוועל...
מיט דורותדיגען שמערץ געשטעמפעלט...
שטאַרק און שטאַרקער ווי געברום פון אָקעאַנען...
און ווי ברויזענד-ים צעשטורעמט...

נאַט, דו האָסט דערלאָזט!!!

נאַט, דו האָסט דערלאָזט,
— אַז שונא, צורר, פיינד,
— זאָל הויבען בלוטיג האַנט...
צו יעקב-קינד — זיין שווערד,
צו הייליג שטאַם — זיין ביקס...

אין שקיעה-שעה פון וועלט,
— אין מיט פון זון-פאַרגעהן,
— זאָל רוצח, מערדער, פיינד:
פאַרניכטען ציונס פלאַנץ,
צעפליקען מזרח-בלום...

נאַט, דו האָסט דערלאָזט,
— אַז באַרבאַר און וואַנדאַל,
— זאָל חרוב מאַכען — וויסט:

יעקבס פרעכטיג הויז,
— אין שעה פון וועלט-געפּעכט,
— אין טאָג פון פעלקער-שטרייט...

אין פינסטערסטען ביינאַכט,
— אין גסיסה-שעה פון מענש...
ווען נכפּה-קרענק באַצווינגט: פעלקער-קאַראַהאַד...
ווען נכפּה-קרענק באַפאַלט: וועלט אין שדים-טאַנץ...
ווען נכפּה-משוגעת פאַרשרפהט און פאַרברענט:
גאַנצען אוניווערס — געגעזים-באַשאַף...

— האָט תלין — בייזער שד,
האָט הענקער אין זיין כעס,
— דערדריקט מיט מערדער-פויסט:
יהודהס אַלטע לייט,
ישראלס יונגע זיהן;
ציונס בתולה-פּראַכט,
— צאַרטע מיידעל-בלום...

עופהלאַך פון ברוסט,
— אָהן אַ קללה-וואָרט,
— אָהן אַ שמץ-זינד...
האָט שונא — ווילד שאַקאַל:
דערדריקט מיט מערדער-פויסט;

האַט האָט שונא — חיה-מענש:
פאַרסמט מיט צאָרן-גאַל...

האַט שונא — מענש אָהן האַרץ,
אָהן געפיל, אָהן גייסט:
פאַרסמט מיט שלאַנגען-גיפט,
פאַרסמט מיט שטיקענד גאַז...
גאָט, דו האָסט דערלאָזט!!!

נשמה־פונקען...

עפּעס שיינט היינט זון אין פענסטער:
שטראַליגער ווי אַלע טאָג...
מאָדנע איז היינט:
ליכט דיין, זון!!!
עפּעס שיינסטו:
מיט מער פּראַכט!!!

אָה ניין!!!
אָה ניין!!!

בלינד זאָל ווערען:
אויג מיין רעכטע...
אויב איך וועל:
דיין ליכט געניסען...
שוואַרץ ווי קויל:
מיין אידיש פּנים...

אויב וואַרעם שטראָם:
מיין גוף באַגיסען...

ווער קען זונען-ליכט פאַרטראָגען?
ווער קען שלינגען וואַרעם שטראָמען?

מיין פאָלק! — מיין פאָלק!
אין פיין צעטראָטען...
מיט וועה און שמערץ:
זיין האַרץ באַלאָרען...

מיין פאָלק! — מיין פאָלק!
אָה טייכען-בלוט!
אָה זעעל!
אָה האַרץ!
אָה פייער-גלוט!!!

בלינד זאָל ווערען:
אויג מיין רעכטע...
אויב איך וועל:
דיין ליכט געניסען...
שוואַרץ ווי קויל:
מיין אידיש פנים...
אויב וואַרעם שטראָם:
מיין גוף באַגיסען...

נחמן גנזאַנג

דער מאַן, וואָס האָט געטרוימט,
געחלומט און געבענקט...
דער מאַן, ווי צעדער - בוים,
ווי דיכטער - ליד — זיין רוף,
ווי ירדן - שטראָם — זיין וואָרט...

דער מאַן פון האַרץ און גייסט...
פאַר ציונס גליק, ער האָט,
— זיין לעבען — פּרעכטיג טרוים:
געגעבען און געשענקט...

דער מאַן וואָס האָט געקעמפט:
פאַר יעקבס גלאָריע, רוהם,
— מעהר ווי דרייסיג יאָהר...

דער מאַן, וואָס האָט געלערענט,
— טאָג און נאַכט געקנעלט:
הערצעלס אלף-בית — באַזעלער פראָגראַם;
מיט אַ ערב רב — מיט אַ מדבר-דור...

אַ שאָד, ער לעבט ניט מעהר!
פאַרלאָשען: ליכט, — זיין בליק...
שטום: זיין וואָרט, — זיין רוף...
זיין האַרץ: ניט מעהר וויברירט...

אָה דור-דורותדיגע האַרץ!
אָה ציונס הייליג האַרץ!
אָה דוד-שלמה-האַרץ!

זיין האַרץ ניט מעהר ס׳שפּילט:
הערצעלס טרוימער-ליד,
יהודהס הארץ-געזאַנג;
פאַר וועלט — ישראל-רוף,
פאַר אָבות-גאָט — געשאַנק...

קומען וועט אַ טאָג...
אויף ציונס הייליג ערד,
— וועט פלאַנצען פאָלק דאָס האַרץ:
פון פידער, קעמפער, העלד...

קומען וועט אַ טאָג...
אויף ציונס הייליג ערד,
— וועט פלאַנצען פאָלק דאָס האַרץ:
פון טרוימער, וויזיאָנער...

וואָס האָט געפיהרט אַ דור,
— צו גאולה, אויסלייז, גליק;
אין תקופה — חורבן - צייט,
— מעהר ווי דרייסיג יאָהר...

כפר־ארגנטינה...

פלאַנץ, פאָלק מיין:
נייעם גאָרטן,
וואַלד אַ גרינעם,
בלומען - בייטען,
— פלאַנץ!!!

פלאַנץ און פלאַנץ:
מיט דורות - כח,
מיט קדושים - גלויבען,
מיט העלדען - גבורה,
— פלאַנץ!!!

פלאַנץ אַ גאָרטען,
אַ וואַלד אַ גרינעם,
אַ דאָרף אַ גאַנצען,
— פלאַנץ!!!

דאָרף פון דערפער:
זילבער-לאַנד, — אַ לויב...
דאָרף פון דערפער:
זילבער-לאַנד, — אַ דאַנק...
דאָרף פון דערפער:
זילבער-לאַנד, — געשאַנק...

זילבער-לאַנד, דו אויסגעבענקטע:
שלום, — נאָר באַגערסט...
זילבער-לאַנד, דו אויסגעטרוימטע:
שלום, — אין דיין האַרץ...
זילבער-לאַנד, דו צוגעזאָגטע:
שלום, — אין דיין צעלט...

אין ליטעס שטעטלאַך,
— אַמאָל געזונגען:
האַרציג לידער,
פרעכטיג הימנען...
פרומע באָבעס,
— דיר!!!
זילבער-לאַנד, — צו דיר!!!

אין לאַנד פון אבות:
פלאַנץ, פאָלק מיין!

פלאַנץ פון סנייו!
און פלאַנץ!

פלאַנץ און פלאַנץ:
עלטסטער שבט!
פאָלק — ביז אייביג!
ישראל - נצח, פלאַנץ!

פלאַנץ און פלאַנץ:
בוים פון שלום,
וואַלד אַ גרינעם,
בלומען - בייטען,
— פלאַנץ!!!

זילבער - לאַנד!!!
אין ראַנטשאָס,
אין פּאַלאַצען,
— מוטער דיין פאַרוויגט:
מיט שלום - ליד — **אידר קינד...**

שלום - שלום: דיר!!!
שלום: פאָהן — דיין **פאָהן!!!**
שלום: הימן דיין!!!
צו וועלט: שלום - סאַלוט!!!
צו וועלט: שלום - סאַלוט!!!

פלאַנץ, פאָלק מיין:
אַרגענטינעס נאָמען — אייביג סימבאָל...
פלאַטאַס שענקייט — געניוס-בלומען...
אַנדענס גלאָריע — בוים פון שלום...
פלאַנץ!!!

פלאַנץ, פאָלק מיין:
סאַן-מאַרטינס גלויבען — האַרץ אַ ריינע...
בלום אַ צאַרטע — בלום פון בלומען...
אין דיין מלכות, פלאַנץ!!!

עדות דיינע:
זון, לבנה, הימעל-שטערען...
תקופות, צייטען, גיגאַנטען-דורות...
און אבות-גאָט — דיין גאָט...

פלאַנץ, פאָלק מיין:
נייעם גאָרטען,
וואַלד אַ גרינעם,
בלומען-בייטען,
— פלאַנץ!!!

פלאַנץ און פלאַנץ:
מיט דורות-כח,
מיט קדושים-גלויבען,
מיט העלדען-גבורה,
— פלאַנץ!!!

דער ארגענטינער רעפובליק — **א מתנה.**

דיין ערד!!!

דיין ערד — דיין זאַפטיג ערד...
דיין מוטער-מאַמע-ערד...
צו דיין ערד, איך זינג:
אַ שירה, תפלה, ליד...
צו דיין ערד, איך ווארף:
מיין וועזען, האַרץ און גוף...

זים איז ערד דיין... דיין...
מוזע מיין זי וועקט...
פרעכטיג איז דיין ערד...
זי מאַכט וויברירען גייסט,
— סטרונעס פון מיין האַרץ...

אָה גיב מיר גאָט און שענק:
גבירולס דיכטער-וואָרט,

הלוים לידיש-קלאַנג...
אָה גיב מיר גאָט און שענק:
טשערניכאָווסקיס פייער-פלאַם,
ביאַליקס שטורעם, דראַנג...

וועט שאַלען יעקב-שטים,
וועט שאַלען ציון-שיר:
צו דיר, לאַ-פּלאַטאַ-ערד!!!
צו דיר, אַרגענטיניש-ערד!!!
צו דיר, סאַן-מאַרטיניש-ערד!!!
צו דיר!!! און נאָר צו דיר!!!

דיין ערד — דיין זוניג ערד...
דיין פרומע, תפלהדיגע ערד...
זי איז פאַנטאַסטיש, טרוימעריש:
ווי יענע וואונדער-לאַנד,
וואָס גאָט פאַרשפּראָכען האָט,
— צו ערשטען איד אַמאָל,
— אין כנענס בלומען-טאָל...

דיין ערד — דיין פרידליך-ערד!!!
מיר ליב זי איז ווי יענער באַרג,
— וואו נביא האָט געדונערט מיט זיין שטים:
„פאַרוואַנדעלט שפּיז, מלחמה-שווערד,
אין אַקער-אייזען, סערפּ;

ניט קיינמאָל מעהר — מלחמה, שטרייט,
— צווישען פאָלק און פאָלק אויף ערד"!!!

דיין ערד — דיין פרייע ערד!!!
זי וועקט מיין ביבליש ליד;
זי צינדט מיין אידיש גייסט,
— מיט קדושה - פייערען,
— פון ציונס וועלט - אַלטאַר...

דיין ערד — דיין פרייע ערד!!!
זי וועקט מיין ביבליש ליד;
זי צינדט מיין אידיש גייסט,
— מיט יושרדיג באַגריף,
— מיט סיני'ס וועלט - געזעץ:
„ניטאָ קיין יחוס - טראכט,
פריי איז נעגער - שקלאַף;
פאַר אַלע מענשן — רעכט;
צו גאָט איז מענש אַ קנעכט,
און ניט אַ קנעכט צו קנעכט"!!!

דיין ערד — דיין זאַפטיג ערד!!!
פרוכט און גרינס אַ סך,
ברויט און פלייש צו זעט;
ווייַן, האָניג, מילך: שפּעדיג שטראָמט...

און וואַסער פליסט פון קוואַל:
מיט תפלה, ליד, געבעט...

דיין ערד — דיין קרעפטיג ערד!!!
זי וועקט מיין ביבליש ליד;
זי צינדט מיין אידיש גייסט,
— מיט קדושה-פייערן,
— פון ציונס וועלט-אַלטאַר...

ווען גע־טאָם ברענען.

צום געוויסן פון זיין עקסעלענץ, — פרעזי־
דענט פראַנקלין רוזוועלט, — רעגירער פון דער
גרעסטער וועלט־דעמאָקראַטיע...

מיר האָבען צענדער...

מיר האָבען צענדער טויזענטער לאָמפּען:
אין שוהלען, אין טעמפּלען, אין קירכען, מעטשעטען...
מיר האָבען צענדער: הערצער מיליאָנען...
אין משך פון דורות: מיליאַרדען... מיליאַרדען...

מיט גלויבען אין „אחד",
מיט אייביגען ספר,
פון נביאים, פּראָפעטען:
שמות און ווערטער...

שטרעק אונז דיין האַנט,
רעגירער און הערשער!!!

אין פײנען, אין עלענד,
אין אומגליק, אין נויט...

שטרעק אונז דײן האַנט,
— פון לינקאָלן, ברודער!!!
זײ דו: באַפרײַער,
פון ישראל, דעם אַלטען!!!
זײ דו: דערלײזער!!!
צו העלפען: דער ערשטער!!!

מיר האָבען צעצונדען טויזענטער לאָמפּען:
אין שוהלען, אין טעמפּלען, אין קירכען, מעטשעטען...
מיר האָבען צעצונדען: הערצער מיליאָנען...
אין משך פון דורות: מיליאַרדען... מיליאַרדען...

אויף אייבינ...

ווי צעדער לבנונס,
ווי שטראָמען לאַ פּלאַטאָס...
ווי שפּיצען פון אַנדען,
— סודות פו קאָסמאָס...

ווי ווײַנשטאָק - מענדאָסא,
— בלוטענדע טרויבען...
ווי אײלבירטען - צווײַגען,
— צאַרטעסטע פרוכטען...

דײַן הויכקייט,
דײַן אימפּעט...
דער שוואונג פון דײַן אָטעם...
די זיסקייט פון שטימע,
די מילדקייט פון ווערטער...

קלאַנגען פון פּושקין,
לערמאָנטאָוו - סאָנעטען...
פּסוקים פון חומש,
— „פייער - מגלות"...

פאַרמעט פון פלאַמען,
— לוחות פון הערצער...
הייליגע טאָוולען,
— נביא - חזיונות...
גאָטהייט - מתנה,
— הימעל - געשאַנקען...

שפּראַך פון קאַסטיליע,
אַראַגאָן און טאָלעדאָ...
סאַלאַמאַנקאַ - אַקצענטן,
סעווילִיע, גראַנאַדאַ...

נייע מדינות,
— לענדער, מלוכות...
זונען פון דרום,
— פּלאַטאָן - חלומות...

קייטען פון גינגאָלד,
האַלדזבאַנד פון פּערעל...
בריליאַנטענע רינגען,

פרוכת-דיאַמאַנטען:
סערוואַנטעס! פריי-לואיס!
דאַריאָ! לוגאָנעס!

שירת-מלאכים,
— דורות-סימפאָניע...
אָרקעסטער פון צייטען,
קאָנצערטען פון נאַציעס...
מוזיק פון גייסטער,
— נשמות פון מענטשען...

דיין פּאַטוס... דיין שיקזאַל...
דיין גורל... דיין גורל...
דיין אָנפאַנג... דיין בראשית...
דיין קומען — דיין אָנהויב...

דיין לעבען — דיין שטרעבען...
דיין זיין... דיין ווערען...
דיין צאַפּעל, דיין ציטער,
אין וועהען פון מוטער...
דיין פריהלינג — באַגינען,
— פון ליבע און לעבען...

דיין זיפצען, דיין קרעכצען,
— אין טעג פון יסורים...

דיין אָטעם, דער לעצטער,
— אין שעהן פון אומקום...

אָה מוטער!
אָה שוועסטער!
אין ציון!
אין יעקב!
אָה גלאָריע!
אָה שומרון!
אָה קרוינען!
אָה מלכות!

דערפאַר: ביסטו אַנדערש,
ווי טעכטער יהודהס...
דערפאַר: ביסטו אַנדערש,
ווי טעכטער ישראלס...

מוטער אין ציון:
דיין נאָמען אויף אייביג...
שוועסטער אין יעקב:
אויף אייביג... אויף אייביג...

זוך דיין פריהלינג...

זוך דיין פריהלינג,
— בלעטלאך, בלעטלאך...
יוגענד - בלעטלאך...
גאנצע בויגענס,
— זוך!!!

יוגענד - בלעטלאך,
— פריהלינג - זונען...
ליבעס - ברייוולאך,
— הארצענס - בלומען,
— זוך!!!

ראָזע פארבען,
ווייסע פליגעל...
היימאט - וועהען...

ריינעם גלויבן,
— זוך!!!

אַלטע קופּערטס,
— רעליקוואַרען:
אוצרות גאַנצע,
— בריף פון ליבסטע,
— זוך!!!

פינף יאָהר - צענדליג:
טעג דיין לעבענס...

פינף יאָהר - צענדליג:
גייסט, — דיין - דיינער,
בענקט...

פינף יאָהר - צענדליג:
זעעל, — דיין זעעלע,
— גאַרט...

היינט, — אַ האַרבסט - טאָג:
פּיינען, ליידען,
שווערע שטיינער,
— האַרץ, — דיין טעמפּעל,
— דריקט...

היינט, — אַ האַרבסט-טאָג:
אומגליק, שמערצען,
טרויער... טרויער...
זעעל, דיין פּרעכטיג,
— הילט...

זוך דיין פריהלינג,
— בלעטלאַך, בלעטלאַך...
יוגענד-בלעטלאַך...
גאַנצע בויגענס,
— זוך!!!

יוגענד-בלעטלאַך,
פריהלינג-זונען...
ליבעס-בריוולאַך,
האַרצענס-בלומען,
— זוך!!!

איך וויל שלאָפען זיס...

איך וויל:
שלאָפען זיס,
רוהיג, רוהיג...
אין ליכט פון טעג,
אין פינסטערניש פון נעכט...
און וואָכען, חדשים, יאָהרען,
— פאַרביישוועבען מיין בעט...

און קיינער!
קיינער נישט!
וואַגען זאָל:
מיין רוה,
מיין שלאָף,
חלום-זיס,
האָניג-טרוים,

אילוזיע - גאָלד,
אוטאָפּיע - גליק...
פּנים - בלייך,
וואַקסען - ליכט...
פאַרשניטען - בוים...
קיטעל - ווייס,
כּפּורים - קלייד,
מלאכים - טראַכט,
חרמון - שניי...

הייליג פּיין,
דיכטער - ווען,
וויזיאָנערען - שוואונג...
פאַרגליווערט שמערץ,
פאַרפרוירען האַרץ,
פאַרטריקענט וואונד...
צעבראָכען זעעל,
פאַרסמט געמיט,
נשמה - אַנגסט...
באַהאַלטען פלאַם,
פייער - גייסט,
געטליך פונק...

קיינער נישט!
וואַגען? ניין!

שמוציג האַנט!
אָה, נײַן!
אָה, נײַן!
מיר אָנרירען!?
אָה, נײַן!

ביז אויפשטעהן:
נייער מענש,
נייער איד...
ניי-יהודה,
ניי-וועלט...
פילאָזאָפען-שטאַאט,
נביא-לאַנד...

ביז ווען:
פון חורבן,
פון אַש...
מענשען-אומגליק,
וואולקאַנען-דורות,
פעלקער-לאַווע...
טיטאַנען-שטויב,
גיגאַנטען-סקעלעט...

ביז ווען:
משיח-מענש,

משיח-רוהם...
גאָט אַליין:
געזאַלבט, געקרוינט...
ערוואַכען ווערט:
מיט גלאַנץ,
מיט פּראַכט;
טראָמפּייטען-שאַל,
חצוצרות-רוף...
מיט ליד,
מוזיק, געזאַנג;
צדיקים-קרוין,
שכינה-ליכט...
וועלטען גליק,
פעלקער-פּראַכט;
מענשען-פרייד,
— גאָט אַ לויב...

דאַמאָלסט, יאָ:
ערוואַכען וויל!!!
דאַמאָלסט, יאָ:
לעבען וויל!!!

ביז קומען גאולה-שעה,
איך וויל:
שלאָפען זיס,

רוהיג, רוהיג...
אין ליכט פון טעג,
אין פינסטערניש פון נעכט...
און וואַכען, חדשים, יאָהרען,
— פאַרביישוועבען מיין בעט...

צו קאַרדאָבער בערג...

ריזען-גבורים — אייביגע פעלזען!!!
איהר בלענדעט די אויגען,
— מיט הימלישע הויכען...

מיט סאַמעט, מיט זייד,
מיט פרוכת-קאָלירען...
מיט אַלערליי פאַרבען,
מיט משכן-געוועבען...

ריזען-גבורים — אייביגע פעלזען!!!
איהר בלענדעט די אויגען,
— מיט נביאים-פיגורען...

מיט הימלישע הויכען,
מיט קאָסמישע סודות...

מיט מלאכים-געשטאַלטען,
מיט אומשטערבליכע עדות...

ריזען-גבורים — אייביגע פעלזען!!!
ווי אידישע זקנים,
אין קיטלען געהילט...
ווי דאָונער צעשטעלטע,
— אין געטליכען היכל...

ווי אידישע זיידעס:
מיט טלית אויף שולטער...
ווי תפלין של יד:
געפלאָכטען, געבונדען...
ווי תפלין של ראש:
אויף קאָפּ פון אַ אידען...

ווי שטיגען פון שוהלען,
— הייליגע טעמפלען:
אין ליניעס, אין שורות,
— אין רייען צעלייגטע...

ריזען-גבורים — אייביגע פעלזען!!!
אַמאָליגע צייטען,
— אין קדם-קדמונים...

אין אייערע תהומות — אָפּגרונטטען,
פּעלזיגע שפּאַלטען, שטייניגע לעכער...
אָהן טעלעפאָן, טעלעגראַף,
אָהן ראַדיאָ-מאַשינען,
— טראַנסמיסיעס פון עטער...

„האזינו השמים" — נביאישע ברכות...
„ותשמע הארץ" — פּראָפעטישע שבועות...
הימליש און געטליך: געקלונגען!!! געקלונגען!!!

ריזען-גבורים — אייביגע פעלזען!!!
ווען וועט יהוה, שדי און צבאות:
באַפרייען די רעשטען פון יעקב-ישראל?

באַפרייען!!! באַפרייען!!!
שארית-יהודה... שארית-אפרים...
ווי אַמאָל אין פאַרצייטיגען גלות-מצרים?

ריזען-גבורים — אייביגע פעלזען!!!
איהר בלענדעט די אויגען,
— מיט הימלישע הויכען...

צו פּאַסאַ־טעמפּעל.

איך גײ פֿאַרבײַ דײַן טיר

איך גײ פֿאַרבײַ דײַן טיר,
— הויז פֿון יעקבֿ־גאָט...
איך בין אַלײן פֿון פֿרעמד,
— פֿון ווײַטען־ווײַט אַ גאַסט...

צוואַנציג יאָהר געגאַרט:
דײַן תּפֿלה — דײַן געבעט...
צוואַנציג יאָהר געגאַרט:
דײַן קדושה־דיגען חן...

הײַנט — מיר וועקט דײַן ליד,
— מײַן זיידענס תּפֿלה־שײַן...
הײַנט — מיר וועקט דײַן ליד,
— מײַן טאַטענס תּורה־פּײַן...

איך קום צו דיר פון פרעמד,
— פון קאָרדאָבאַ־שטאָט אַ גאַסט...
אין קאָרדאָבאַ קלינגט אַ גלאָק,
— געזאַנג צו ציון־גאָט...

פלעמעלט היינט דיין ליכט,
—אין טעמפּעל פון מיין האַרץ...
דיין ליכט איז גבורה... קראַפט...
ישראל־מלכות... מאַכט...

שטעה איך אויף דיינע טרעפּ,
— אויף שטיגען פון גאָטס הויז...
דעק איך מיט מיין האַנט:
מיין קאָפּ — אַנטבלויזטע קאָפּ...

ווייל פון דיין הויך,
— פון יעקב־לייטער־שפּיץ:
קוקט צו מיר מיין גאָט...
מיין גאָט — פון הויב אַראָפּ...

ווייל פון דיין הויך,
— פון יעקב־לייטער־שפּיץ:
קוקט צו מיר מיין פאָלק,
— מיין גבורהדיגער שטאַם...

אָהן דיר מיין פאָלק ניט לעבט...
אָהן דיר... אָהן דיר...
זיין פאַרעם - זייד ניט שפּינט...

אָהן דיר מיין פאָלק ניט לעבט...
אָהן דיר... אָהן דיר...
זיין גאָלדען - קייט ניט שמידט...

אָהן דיר מיין פאָלק ניט לעבט...
אָהן דיר... אָהן דיר...
זיין נצח טרוים ניט וועבט...

היינט — מיר וועקט דיין ליד,
— מיין זיידענס תפלה - שיין...
היינט — מיר וועקט דיין ליד,
— מיין טאַטענס תורה - פּיין...

איך גיה פאַרביי דיין טיר,
— הויז פון יעקב - גאָט...
איך בין אַליין פון פרעמד,
— פון ווייטען - ווייט אַ גאַסט...

נשמה־ציטער...

מיין ערשטע ליד...
מיין יוגענד - פלאַם...
שפּראָצונג פון מיין גייסט...

מיין ערשטע ליד,
ווי פרידהלינג - זון,
דו שיינסטט!!!
ווי פרידהלינג - זון,
דו לייכטסט!!!

מיין ערשטע ליד,
אין עברי - אלף - בית...
אין פאָלקסטימליכען פאַרטייטש...

מיין ערשטע ליד,
אין כנענישען געקריץ,
אין פעניצישער געשריפט...

מיין ערשטע ליד...
אַ צייכענס פירקאַנטיגע, רונדיגע,
ביבלישע, אוראַלטע, פאַרצייטיגע!!!

מיין ערשטע ליד...
סיני - פייער - כתב...
פון רעכטס צו לינקס:
תורה - אַלפאַבעט! !

מיין ערשטע ליד...
מזרחדיגע שריפט:
ניט פון חרטומים — קונסט...
ציונס קדושה - אות!!!

מיין ערשטע ליד...
שומרונס בוכשטאַב - פראַכט...
תשבים לעצט - געשריי:
שטורעם... הימעל - קראַפט...

מיין ערשטע ליד...
אַ יוגענד - טרוים!
אַ ערשטע קראַפט!

מיין ערשטע ליד...
בכורים - קויש... בכורים - קויש...

צו טרעכאָם הויז... צו טרעכאָם הויז...
איך טראָג!!! איך טראָג!
איך!!! אַ איד!!! אַ איד!!!
אַ ביאַליסטאָקער איד!!!
אַ שטאַמיגער, פולבלוטיגער,
אמתדיגער איד!!!

מיין ערשטע ליד,
ברכה פון מיין האַרץ,
בלומען פון מיין גייסט...

מיין ערשטע ליד...
פאַר קאָרדאָבאַ - שטאָט:
מתנה און געשאַנק...
פאַר טרעכאָם טעמפּעל - הויז:
פון ציון - קינד — אַ תפלהדיג - געזאַנג...

מיין ערשטע ליד...
מיין יוגענד - פלאַם...
שפּראָצונג פון מיין גייסט...

מיין ערשטע ליד,
ווי פריהלינג - זון,
דו שיינסט!!!
ווי פריהלינג - זון,
דו לייכטסט!!!

וואָס קענסטו העלפען?

וואָס קענסטו העלפען מיר,
— תפלה — מיין געזאַנג?
וואָס קענסטו העלפען מיר,
— שירה — גאָטס-געשאַנק?

מיין מאַמעס הויז,
מיין טאַטענס שם...
מיין זיידענס תורה-קלויז,
מיין באָבעס שול-הויף-גאַס...

האָט שונא „נומער איינס״:
מיט צאָרן ווילד פאַרברענט,
— מיט מערדערישען בייז...

וואָס קענסטו העלפען מיר,
— תפלה — מיין געזאַנג?
וואָס קענסטו העלפען מיר,
— שירה — גאָטס-געשאַנק?

פּראָטעסט!!!

איך וועל ניט עסען מעהר קיין פליש...
איך וועל ניט טרינקען מעהר קיין וויין...
איך וועל עסען לייםיג-ברויט,
— אויסגעמישט מיט אַש און שטויב...

איך וועל ניט עסען מעהר קיין פליש...
איך וועל ניט טרינקען מעהר קיין וויין...
איך וועל טרינקען וואַסער-שמוץ,
— פון אַ רינשטאָק: שוואַרצען ברוד...

איך וועל פאַרמאַכען פענסטער, טיר...
איך וועל ניט אָנצינדען קיין ליכט...
זאָל זיין פינסטער — שוואַרצע נאַכט!!!
זאָל זיין פינסטער — שוואַרץ-געדיכט!!!

איך וועל צעפּליקען העמד אויף גוף...
אויף פּיץ צערייסען לעדער-שוך...
איך וועל צעראַצען פּנים מיין...
איך וועל פאַרדונקלען לעבענס-שיין...

איך האָב געהערט אַ בשורה-שוואַרץ...
איך האָב געהערט אַ קול פון וועה...
ניט לייכט, אויג מיין!!!
ניט קלאַפּ, מיין האַרץ!!!

שונא האָט פאַרברענט אויף אַש:
מיליאָנען קינדער פון מיין פאָלק...
שונא האָט פאַרברענט אויף אַש:
קהלות קדושות — גאָטס-באַשאַף...

איך וועל ניט עסען מעהר קיין פלייש...
איך וועל ניט טרינקען מעהר קיין וויין...
איך וועל עסען לײמיג-ברויט,
— אויסגעמישט מיט אַש און שטויב...

אינהאַלט:

	זייט
צו דיין גניוס, קאָרדאָבאַ!!!	3
ווער?...	5
פויגעל...	6
מיינע לידער...	10
גאָט, דו האָסט דערלאָזט!!!	12
נשמה־פונקען...	15
נחמן געזאַנג	17
כפר־ארגנתינה...	20
דיין ערד!!!	24
מיר האָבען צעצונדען...	28
אויף אייביג...	30
זוך דיין פריהלינג...	34
איך וויל שלאָפען זים...	37
צו קאָרדבער בערג...	42
איך געה פארביי דיין טיר	45
נשמה־ציטער...	48
וואָס קענסטו העלפען?	51
פראָטעסט!!!	52

Este libro "CANTO DE ISRAEL" se terminó de imprimir el día 25 de Julio de 1944, en los talleres gráficos de Julio Kaufman, Junín 344, Buenos Aires.